בעזהשי"ת

# קוּנְטְרֵס

# הַייבְּט אַייךְ אִידֶעלֶעךְ

**ווִי עֶס וֶוערְט עֶרְקְלֶערְט אַז דֶער אֶמֶתְ'ער צַדִיק פַארְשְׁטֵייט יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר הֵייבְּט אוֹיף יֶעדְן אִיד, אוּן עֶר וַוייזְט אִים דִי וֶועג אַרוֹיס פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.**

פָארְגֶעלֶערְנְט דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַּדִיק מוֹהֲרָא"ש זי"ע

**ג' שׁוֹפְטִים, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל תשע"ג, בְּמַחֲנֶה תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב**

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אֲדוֹנֵינוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָּאוֹן הַקָדוֹשׁ

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

**אוּן עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.**

עֶס אִיז גֶעבְּרֶענְגְט גֶעוָוארְן צוּם דְרוּק
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - נוּא יָארְק יצ"ו

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**מאנסי**
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י
## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

**צו הערן די**
**הערליכע שיעורים**
**פונעם ראש ישיבה שליט"א**
**רופט:**

קול ברסלב
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

# הַייבְּט אַייךְ אִידֶעלֶעךְ

## א.

עֶס שְׁטֵייט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תיט) אַז עֶס אִיז אַ מִצְוָה צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה רֹאשׁ חוֹדֶשׁ. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן א), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעטוּהְן אַ מוֹרָא'דִיגֶער חֶסֶד מִיט כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען אִיז דַן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט, קוּמְט אוֹיס אוּם רֹאשׁ חוֹדֶשׁ[1]. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואלְט מֶען

---

[1] כָאטְשִׁיג מֶען בֶּענְטְשְׁט נִישְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי אַ שַׁבָּת פַארְדֶעם, אַזוֹי וִוי גֶעוֶוענְלִיךְ, אוֹיךְ דֶערְמַאנְט מֶען נִישְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ בַּיים רֹאשׁ הַשָּׁנָה'דִיגֶען דַאוֶוענֶען, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פא, ד): בַּכֶּסֶה לְיוֹם חַגֵּנוּ.

קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין אוֹיף דִי עֲבֵירוֹת פוּן אַ גַאנְץ יָאר, אָבֶּער אַזוֹי וִוי רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הָאט כַּבְיָכוֹל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין חֲרָטָה אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט קְלֶענֶער גֶעמַאכְט דִי לְבָנָה, וַוייל וֶוען דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט זֶענֶען דִי זוּן מִיט דִי לְבָנָה גֶעוֶוען דִי זֶעלְבֶּע גְרוֹיס, אוּן גֶעשַׁיינְט דִי זֶעלְבֶּע שְׁטַארְק, הָאט דִי לְבָנָה מְקַטְרֵג גֶעוֶוען: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, צְוֵויי מְלָכִים קֶענֶען נִישְׁט קֶענִיגְן מִיט אֵיין קְרוֹין! הָאט דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעזָאגְט פַאר דִי לְבָנָה: דֶעמָאלְטְס וֶוער דוּ קְלֶענֶער. הָאט זִי גֶעהַאט חֲלִישׁוּת הַדַעַת: אִיךְ הָאבּ דָאךְ גֶעזָאגְט אַ גוּטֶע טַעֲנָה, פַארְוָואס קוּמְט זִיךְ מִיר אַז אִיךְ זָאל קְלֶענֶער וֶוערְן? אוּן

---

דֶער הֵיילִיגֶער צֶמַח צֶדֶק מְלִיוּבַּאוִויטְשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אַלְץ קְלֵיין אִינְגְל אַמָאל גֶעפְרֶעגְט זַיין זֵיידְן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ: פַארְוָואס בֶּענְטְשְׁט מֶען נִישְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תִּשְׁרֵי, אַזוֹי וִוי אַלֶע אַנְדֶערֶע חֳדָשִׁים?! הָאט עֶר גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט: וַוייל עֶס שְׁטֵייט "בַּכֶּסֶה", דֶער חוֹדֶשׁ אִיז פַארְדֶעקְט! אָבֶּער וֶוען דָאס קִינְד הָאט זִיךְ אַיינְגֶעעַקְשֶׁנְ'ט, דָאךְ, פַארְוָואס טַאקֶע אִיז עֶס אַזוֹי? הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין בֶּענְטְשְׁט דֶעם חוֹדֶשׁ!

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט כַּבְיָכוֹל חֲרָטָה גֶעהַאט, אוּן גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַ קָרְבָּן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט פַארְקְלֶענֶערְט דִי לְבָנָה, וָואס דָאס אִיז דִי שָׂעִיר רֹאשׁ חוֹדֶשׁ, וָואס מֶען אִיז מַקְרִיב אַלְץ אַ כַּפָּרָה פַארְן בַּאשֶׁעפֶער (חוּלִין דַף ס׳ ע״ב), מִמֵילָא שֶׁעמֶען מִיר זִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט צוּ בֶּעטְן מְחִילָה, אוּן מִיר זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: דוּ הָאסְט אוֹיךְ חֲרָטָה אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּהְן, אוּן דוּ בְּרֶענְגְסְט אַ קָרְבָּן דֶערוֹיף, אוֹיבּ אַזוֹי קֶענֶען מִיר קְלֵיינֶע מֶענְטְשְׁן אַוַודַאי חֲרָטָה הָאבְּן אוֹיף אַלֶעס וָואס מִיר הָאבְּן גֶעטוּהְן.

זֶעהְט מֶען פוּן דֶעם, אַז גְלַייךְ פוּן אָנְפַאנְג יָאר הָאט שׁוֹין דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִינְזִין רַחְמָנוּת צוּ הָאבְּן אוֹיף אוּנְז - זַיינֶע בַּאלִיבְּטֶע קִינְדֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים יד, א): בָּנִים אַתֶּם לַה׳ אֱלֹקֵיכֶם, אוּן עֶר אִיז דַן יֶעדְן אִיד לְכַף זְכוּת, אוּן נֶעמְט אָן זַיין תְּשׁוּבָה. דֶערְפַאר אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אַזוֹי גְרוֹיס וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶעמָאלְטְס מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת.

## ב.

דער הײליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן קיא), אַז ״כי תשא את ר׳אש ב׳ני י׳שראל״ איז ראשי תיבות רבי״י; אַזוי אויך (שמואל-א, ב): ״ר׳שעים ב׳חשך י׳דמו״, איז אויך ראשי תיבות רבי״י. װײל אַ אמת׳ער רבי הײסט נאר אײנער װאס ער קען זיך אַראפּלאָזן צו די נידעריגסטע מענטשן און זײ אויך אויפהײבן צום אײבערשטן, און זײ װײזן אַ װעג װי אַזוי צו פאַרעכטן אַלעס, און װערן ערליכע אידן און גרויסע צדיקים, האבן אַ רײנעם מח צו טראַכטן נאר פונעם אײבערשטן, װאס דעמאלטס איז מען שטענדיג פרײליך, און מען קוקט שוין גאר אַנדערש אויפן גאַנצן לעבן.

װידעראום איז דא אַ אַנדערע סארט רבי, װאס בײ אים װערט מקוים דער פסוק ״רשעים בחשך ידמו״, אַז זײנע מענטשן בלײבן נעבעך אין זײער רשעות, פינסטערניש און דמיונות; װײל ער קען זײ גארנישט העלפן, אַזוי װי דער הײליגער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א, סימן סא): עס איז דא מנהיגים װאס זײ רופן זיך רבי, אָבער אין אמת׳ן קענען זײ

זִיךְ אַלֵיין אוֹיךְ נִישְׁט פִירְן, אוּן אַוַודַאי קֶענֶען זֵיי נִישְׁט פִירְן אַנְדֶערֶע! קוּמְט אוֹיס אַז עֶר אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ מְפוּרְסָם שֶׁל שֶׁקֶר.

אַ רִיכְטִיגֶער רֶבִּי אוּן אֱמֶת׳ער מַנְהִיג אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, וָואס הָאט גֶעקֶענְט אוֹיפְהֵייבְּן יֶעדְן אִיד פוּן וואוּ עֶר זָאל נָאר זַיין, וֶועגְן דֶעם שְׁטֵייט בַּיי אִים: כִּי תִשָּׂא אֶת ר׳אשׁ בְּ׳נֵי יִ׳שְׂרָאֵל, אַז כָאטְשִׁיג עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיפְן בַּארְג סִינַי דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָדוֹשׁ וָואס מֶען זָאגְט בַּיי כָּל נִדְרֵי (תִּקוּנֵי זֹהַר דַף קמ״ג), אַז דִי שְׁכִינָה הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט אַוֶועק גֶערִירְט פוּן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ; דָאס הֵייסְט, אַז מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט נִישְׁט פַארְגֶעסְן קַיין אֵיין רֶגַע פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעקֶענְט אַרָאפְּלָאזְן צוּ יֶעדְן אִיד, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת יט, יד): **וַיֵרֶד מֹשֶׁה מִן הָהָר אֶל הָעָם** - מֹשֶׁה רַבֵּנוּ הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט גְלַייךְ פוּנֶעם בַּארְג צוּ דִי אִידְן, אוּן אַלֶעמֶען אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן.

פַאר אוּנְז אִיז אוּמֶעגְלִיךְ צוּ הָאבְּן אַן הַשָּׂגָה וָואס אַ צַדִיק אִיז, דֶער צַדִיק אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן קַיין אֵיין רֶגַע, כָאטְשִׁיג פוּנְדְרוֹיסְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט זֶעהְן, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן קטז): פוּנְדְרוֹיסְן קֶען מֶען נִישְׁט דֶערְקֶענֶען אַ צַדִיק, עֶס אִיז פָּשׁוּט אַ טָעוּת פוּן מֶענְטְשְׁן אַז אַ צַדִיק קֶען מֶען דֶערְקֶענֶען פוּנְדְרוֹיסְן, לְמָשָׁל, אַז עֶר גֵייט אַנְדֶערְשׁ אָנְגֶעטוּהְן, עֶר הָאט אַ טִילֶעפְּ, אַ בְּרֵייטֶע הוּט, אוּן אַ קָאלִירְטֶע בֶּעקִיטְשֶׁע, אָדֶער עֶר מַאכְט פַארְשִׁידֶענֶע מָאדְנֶע תְּנוּעוֹת אוּן פַאקְסְן וְכוּ', אָבֶּער אִין אֱמֶת'ן אִיז דָאס אַלֶעס נַארִישֶׁע דִמְיוֹנוֹת, אוּן אַן אֱמֶתֶ'ער עֶרְלִיכֶער אִיד קֶען מֶען בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְקֶענֶען פוּנְדְרוֹיסְן; וָואס פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ אַז מֶען אִיז אַזוֹי מְזַלְזֵל אִין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן פַארְקֶערְט, אוֹיף אַ פָּשׁוּטְ'ן שְׁטְרִיק וָואס וֵוייסְט פוּן גָארְנִישְׁט, אוּן זַיין גַאנְצֶער מֹחַ אִיז נָאר פַארְנוּמֶען וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַרוֹיס גַנָבֶ'ענֶען גֶעלְט אוּן אָפְּנַארְן יֶענֶעם, זָאגְט מֶען גְרוֹיסֶע זַאכְן, בִּשְׁעַת דֶער אֱמֶת אִיז פוּנְקְט פַארְקֶערְט, וֶועם דוּ מֵיינְסְט אַז עֶר אִיז אַ פָּשׁוּטֶ'ער לֵיידִיגֵייעֶר, דֶער אִיז נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת פוּן

אֵייבֶּערְשְׁטְן! און וֶועם דו מֵיינְסְט אַז עֶר אִיז וֶוער וֵוייסְט וָואס, וֵוייסְט בִּכְלַל נִישְׁט פון זַיין לֶעבְּן צו זָאגְן, אָבֶּער דָאס קֶען קֵיינֶער נִישְׁט וִויסְן, וַוייל חַזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים נד ע״ב): אֵין אָדָם יוֹדֵעַ מַה בְּלִבּוֹ שֶׁל חֲבֵירוֹ - קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוט זִיךְ אִין יֶענֶעמְס הַארְץ און וָואס יֶענֶער טְרַאכְט.

ג.

חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף עה ע״א): דִי פָּנִים פון מֹשֶׁה אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, און דִי פָּנִים פון יְהוֹשֻׁעַ אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה. וַוייל דִי זוּן שַׁיינְט און לַייכְט שְׁטֶענְדִיג פַּאר יֶעדְן מִיטְן זֶעלְבְּן שַׁיין און מִיטְן זֶעלְבְּן שְׁטַארְקֵייט, אַזוֹי אוֹיךְ פַּארְמָאגְט דִי זוּן אַלֶע מִינֵי כּוֹחוֹת, אַ וַוייסֶע זַאךְ מַאכְט עֶס שְׁוַוארְץ, און אַ שְׁוַוארְצֶע זַאךְ מַאכְט עֶס וַוייס, אַ וֵוייכֶע זַאךְ מַאכְט עֶס הַארְט, און אַ הַארְטֶע זַאךְ מַאכְט עֶס וֵוייךְ, דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דֶער צַדִיק אִיז גְרֵייט צו הֶעלְפְן יֶעדְן אֵיינֶעם, און עֶר קֶען יֶעדֶעם הֶעלְפְן אוֹיף זַיין אֵייגֶענַארְטִיגְן וֶועג (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן רנא), דָאס אִיז גֶעוֶוען מֹשֶׁה רַבֵּנוּ וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וִוי דִי זוּן.

אָבֶּער דֶער תַּלְמִיד יְהוֹשֻׁעַ, וָואס עֶר אִיז אַזוֹי וִוי דִי לְבָנָה, אִיז שׁוֹין נִישְׁט אוֹיף דִי מַדְרֵיגָה, אַזוֹי וִוי מִיר זֶעהְן אַז וֶוען יְהוֹשֻׁעַ הָאט גֶעהֶערְט אַז אֶלְדָּד וּמֵידָד זָאגְן שׁוֹין אוֹיךְ נְבִיאוֹת צְווִישְׁן דֶעם צִיבּוּר אוּן פְּרַאוֶועןֶען רֶבִּי׳סְטֶעוֶוע, הָאט עֶס אִים זֵייעֶר פַארְדְרָאסְן: הַיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען דָאךְ אַלֶע תַּלְמִידִים פוּן אֵיין רֶבִּי, אוּן עֶנְק הָאט פַארְגְלִיסְט צוּ וֶוערְן אַלֵיינְס אַ רֶבִּי?! דֶערְפַאר אִיז עֶר שְׁנֶעל גֶעלָאפְן צוּ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אוּן גֶעבֶּעטְן (בַּמִּדְבָּר יא, כח; וְעַיֵּין בְּרַשִׁ״י): **אֲדוֹנִי מֹשֶׁה כְּלָאֵם!** מֶען זָאל דָאס גְלַייךְ אָפְּשְׁטֶעלְן! וַוייל דֶער תַּלְמִיד אִיז גְלַייךְ צוּ דִי לְבָנָה וָואס לַייכְט נָאר דוּרְךְ דִי שֵׁיין פוּן דִי זוּן, מִמֵּילָא אִיז עֶר שְׁטֶענְדִיג פַארְנוּמֶען אַז נָאר אִיךְ אוּן נָאר אוּנְז קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין, בְּמֵילָא הָאט עֶר מוֹרָא אוֹיסְצוּזָאגְן אַלֶע סוֹדוֹת פוּנֶעם רֶבִּי׳ן, וָואס דֶעמָאלְטְס וֶועט יֶעדֶער קֶענֶען וֶוערְן פוּנְקְט אַזוֹי גְרוֹיס וִוי דֶער רֶבִּי אַלֵיין, אוּן עֶס קֶען דָאךְ נִישְׁט זַיין צְוֵויי רֶבִּי׳ס, וָואס דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי טַעֲנָה פוּן דִי לְבָנָה, וֶועגְן דֶעם הָאט אִים מֹשֶׁה רַבֵּנוּ גֶעזָאגְט, אַדְרַבָּא (שָׁם שָׁם, כט): **מִי יִתֵּן כָּל עַם ה׳ נְבִיאִים**; פוּן מַיין זַייט זָאלְן מִיךְ אַלֶע אִיבֶּערְנֶעמֶען אוּן זַיין אַזוֹי גְרוֹיס

וִוי מִיר. עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר מֹשֶׁה רַבֵּנוּ אִיז אַ גַאנְץ לֶעבְּן אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אֵיין מַחְשָׁבָה, וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ צוּבְּרֶעכֶן אַז אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער זָאלְן אוֹיךְ הָאבְּן דֶעם זֶעלְבְּן גֶעפִּיל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ; אוּן אַז זֵיי זָאלְן אוֹיךְ קֶענֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּנִים אֶל פָּנִים, וִוי אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּ אַ חַבֵר, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מֹשֶׁה (שָׁם יב, יח).

נָאךְ אַ פְּגַם אִיז דָא בַּיי אַ תַּלְמִיד, אַז עֶר טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג בַּיי זִיךְ: וֶוען וֶועט שׁוֹין דִי רֶבִּי נִפְטָר וֶוערְן אוּן אִיךְ וֶועל קֶענֶען אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי הַנְהָגָה! אַזוֹי וִוי חַזַ"ל זָאגְן (וַיִקְרָא רַבָּה פַּרְשָׁה כ, אוֹת י), אַז וֶוען מֹשֶׁה אוּן אַהֲרֹן זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען פָאְרְאוֹיס, אוּן נָדָב וַאֲבִיהוּא זֶענֶען זֵיי נָאכְגֶעגַאנְגֶען, הָאבְּן זֵיי גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: וֶוען וֶועלְן שׁוֹין דִי צְוֵויי שְׁטַארְבְּן אוּן אוּנְז בֵּיידֶע וֶועלְן אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי מְלוּכָה! אִיז אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל אוּן זֵיי גֶעזָאגְט: אַסַאךְ יוּנְגֶע אֵייזְלֶעךְ זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן פוּן זֵייעֶר פֶּעל הָאט מֶען גֶעמַאכְט דִי זָאטְלֶעךְ פַאר זֵייעֶרֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן; דָאס אִיז גֶעוֶוען

אֵיינְס פוּן דִי טַעֲמִים פַארְוָואס נָדָב וַאֲבִיהוּא זֶענֶען גֶעשְׁטָארְבְּן מִיט דֶעם מִיתָה מְשׁוּנָה, אַז עֶס אִיז זֵיי אַרַיין פַייעֶר אִין דִי נָאז זַייעֶנְדִיג אִינֶעם מִשְׁכָּן אוּן זֵיי פַארְבְּרֶענְט, אוּן מֶען הָאט זֵיי גֶעדַארְפְט אַרוֹיסְשְׁלֶעפְּן מִיט אַ לַאנְגֶע שְׁטֶעקְן כְּדֵי נִישְׁט צוּ וֶוערְן טָמֵא.

ד.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן קיט), אַז עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ אַז מֶען קוּמְט צוּ דִי מַדְרֵגָה, אַז כָאטְשִׁיג אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט, דָאךְ זָאל כָאטְשׁ יֶענֶער זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וַוייל עַל-פִּי-רוֹב אִיז לֵיידֶער נִישְׁט אַזוֹי, אוּן אוֹיב עֶס אִיז אֵיינֶעם נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, פַארְגִינְט מֶען שׁוֹין נִישְׁט יֶענֶעם אוֹיךְ נִישְׁט, אוּן דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס אָן "חָסִיד שֶׁנָּפַל", וָואס אִיז נָאךְ עֶרְגֶער פוּן אֵיינֶער וָואס הָאט זִיךְ גֶע'שְׁמַד'ט (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ הֲלָכָה ז, אוֹת נב; שְׁלוּחִין הֲלָכָה ה, אוֹת יז; נְזִיקִין הֲלָכָה ד, אוֹת כז), וַוייל וֶוען עֶס קוּמְט אַרַיין אַ מְשׁוּמָד צְוִוישְׁן עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן עֶר ווִיל לָאזְן הֶערְן זַיינֶע נַארִישְׁקֵייטְן,

כַאפְּט מֶען אִים גְלַייך אָן און מֶען וַוארְפְט אִים אַרוֹיס, אָבֶער וֶוען מֶען טְרֶעפְט אָן אֵיינֶער וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, און עֶר הָאט אוֹיך פְּרָאבִּירְט צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר הָאט אוֹיך גֶעהַאט הִתְבּוֹדְדוּת און גֶעלָאפְן אִין פֶעלְד (גֶעלֶערְנְט הָאט עֶר נִישְט, וַוייל וֶוען עֶר לֶערְנְט וֶוען וָואלְט עֶר נִישְט אַרָאפְּגֶעפַאלְן), און נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַרָאפְּגֶעפַאלְן פוּן דֶעם און עֶר אִיז גֶעוָוארְן גוּט אָפְּגֶעקִילְט אִינֶעוֵויינִיג, הַאלְט עֶר נִישְט אוֹיס וֶוען עֶר זֶעהְט ווִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים בְּרֶענֶען צוּם אֵייבֶּערְשְטְן און לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, דֶערְפַאר קִילְט עֶר זֵיי אָפּ, דִי צָרָה אִיז אָבֶער אַז פוּן אַזַא אֵיינֶעם וֵוייסְט מֶען נִישְט זִיךְ אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, וַוייל עֶר רוּפְט זִיךְ דָאךְ אוֹיךְ אַ בְּרֶסְלְבֶ׳ר חָסִיד... דֶערְפַאר אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע סַכָּנָה.

אָבֶער אִין אֱמֶת׳ן דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְש מוֹרָא׳דִיג מְחַזֵק זַיין אַז אֲפִילוּ אַז עֶס גֵייט אִים נִישְט זָאל עֶר נִישְט הָאבְּן חֲלִישוּת הַדַעַת, נָאר עֶר זָאל זִיךְ מְחַזֵק זַיין מִיט דִי פוּל גוּטְס וָואס עֶר פַארְמָאגְט יָא, וָואס דָאס זֶעהְן מִיר בַּיי דִי לְבָנָה,

אַז נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט מְקַטְרֵג גֶעוֶוען, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִיר קְלֶענֶער גֶעמַאכְט, הָאט אִיר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן צוּגֶעגֶעבְּן דִי אַלֶע שְׁטֶערְנְס, צוּ וַוייזְן מִיט דֶעם, אַז דוּ דַארְפְּסְט נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וַוייל עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען דִי שְׁטֶערְנְס וָואס זֵיי שַׁיינֶען נָאךְ אַסַאךְ וֶוייניגֶער פוּן דִיר! מִמֵילָא זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן צוּפְרִידְן מִיט דַיין מַצָב, וָואס דוּ בַּאלַייכְסְט פַאר יֶעדְן.

חַזַ״ל זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא דַף ח׳ ע״ב), אַז מְלַמְדִים וָואס לֶערְנֶען מִיט תִינוֹקוֹת שֶׁל בֵּית רַבָּן זֶענֶען גֶעגְלִיכְן צוּ דִי שְׁטֶערְנְס. וַוייל גֶעוֶוענְלִיךְ אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט מִיט קִינְדֶער אָדֶער בָּחוּרִים, הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ חֲלִישׁוּת הַדַעַת, וַוייל עֶר דַארְף זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרָאפְּלָאזְן צוּ זֵיי, אוּן הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד נִישְׁט זִיךְ אוֹיפְצוּרֶעגְן אוֹיף זֵיי, אוּן אַוַדַאי זֵיי

נִישְׁט שְׁלָאגְן[2], וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז מֶען לַיידְט בִּזְיוֹנוֹת אוּן שְׁפִיכוּת דָמִים פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס בַּארֶעדְן, בִּפְרַט טוּט זֵייעֶר וַויי אַז נָאךְ אַלֶעם זֶעהְט מֶען נִישְׁט אַז מֶען טוּט עֶפֶּעס אוֹיף מִיט דִי תַּלְמִידִים, וָואס דָאס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל הָאבְּן

[2] אַ מְלַמֵד דַארְף וִויסְן, אַז עֶר דַארְף עֶסְן גֶענוּג, אוּן זַיין שְׁטֶענְדִיג גוּט אוֹיסְגֶערוּהְט, כְּדֵי עֶר זָאל הָאבְּן גֶעדוּלְד צוּ דִי תַּלְמִידִים, אוּן זִיךְ קֶענֶען גֶעהֶערִיג אָפְּגֶעבְּן מִיט זֵיי, אוּן נִישְׁט אִיבֶּערְלָאזְן דִי קִינְדֶער אוּן זִיךְ אַרוֹיסְגֵיין אִינְמִיטְן, אוּן טוּהְן דִי אַרְבֶּעט מִיט פָּאפֶּעֵריי, אַזוֹי וִוי עֶס וֶוערְט גֶע'פַּסְקֶ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה סִימָן רמ״ה, סָעִיף י״ז), אוּן אוֹיבּ אִיז עֶר אַ נֶערְוֶועזֶער מֶענְטְשׁ טָאר עֶר בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט זַיין קַיין מְלַמֵד, נָאר עֶר זָאל עֶנְדֶערְשׁ טוּהְן סַיי וָואסְפַארַא אַנְדֶערֶע אַרְבֶּעט, אוּן דִי בֶּעסְטֶע אַרְבֶּעט פַאר אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז צוּ אַרְבֶּעטְן בַּיי דִי גַארְבִּיטְשׁ, וִוי מֶען קֶען אַרַיין טְרַאסְקֶענֶען דִי קַאנֶעס אִינֶעם גַארְבִּיטְשׁ טְרָאק מִיט דִי גְרֶעסְטֶע מָאס רְצִיחָה, אוּן דָאס צוּרִיק אַרָאפְּוַוארְפְן מִיט אַ רְצִיחָה, וַוייל צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁע גֶעדוּלְד, אַזוֹי וִוי דִי גְמָרָא פַארְצֵיילְט (עִירוּבִין נד ע״ב): רֶבִּי פְּרֵידָא הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד מִיט זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערְן קָאפּ, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶע'חַזֶר'ט פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, בִּיז עֶר הָאט עֶס אוֹיפְגֶעכַאפְּט, אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן רֶבִּי פְּרֵידָא עֶר זָאל צוּהֶעלְפְן פַאר עֶפֶּעס אַ מִצְוָה, אוּן יֶענֶע טָאג הָאט שׁוֹין דֶער תַּלְמִיד נִישְׁט אוֹיפְגֶעכַאפְּט גֶעהֶערִיג דָאס לֶערְנֶען אֲפִילוּ נָאכְן דָאס אִיבֶּערְלֶערְנֶען פִיר הוּנְדֶערְט מָאל, וַוייל עֶר הָאט אַגַאנְצֶע צַייט מוֹרָא גֶעהַאט אַז אֶפְשֶׁר גֵייט שׁוֹין דֶער רֶבִּי נִישְׁט צוּרִיק קוּמֶען, וֶוען רֶבִּי פְּרֵידָא אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען, הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט: רֶבִּי אִיךְ הָאבּ אַלֶעס פַארְגֶעסְן! הָאט רַב פְּרֵידָא נָאכְאַמָאל אִיבֶּער גֶע'חַזֶר'ט דָאס לֶערְנֶען מִיט דֶעם תַּלְמִיד נָאךְ 400 מָאל, הָאט מֶען פוּן הִימְל צוּגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי פְּרֵידָא נָאךְ פִיר הוּנְדֶערְט יָאר אַלְץ שְׂכַר פַארְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אָפְּגֶעגֶעבְּן מִיט דֶעם תַּלְמִיד. וַוייל צוּ קִינְדֶער דַארְף מֶען הָאבְּן אַסַאךְ גֶעדוּלְד, אוּן צוּ גְרֶעסֶערֶע נָאךְ מֶער גֶעדוּלְד א. א. וו.

מורא'דיגע חלישות הדעת, דערפאר זאגן חז"ל פאר אזא איינעם: זאלסט נישט זאגן אז דו טוסט גארנישט אויף, נאר פונקט אזוי ווי די שטערנס זענען אזויפיל אז עס איז אוממעגליך זיי צו ציילן, די זעלבע זאך האט איינער וואס לערנט מיט אידישע קינדער און ער איז מחזק בחורים און ברענגט זיי צוריק צום אידישן וועג, אזוי פיל זכותים וואס האט נישט קיין צאל.

דער שלימות פון א צדיק איז, אז ער איז אינגאנצן דבוק אינעם אייבערשטן, און פארגעסט נישט פונעם אייבערשטן אפילו אויף איין רגע, מיר האבן נישט קיין השגה אין דעם, ווייל מיר זענען אזוי צובראכן אז הלוואי זאלן מיר טראכטן איין מינוט פונעם אייבערשטן, אזוי ווי דער הייליגער רבי זאגט (חיי מוהר"ן סימן רנב): ביי אונז איז דער עיקר עבודה אז מיר זאלן זוכה זיין צו וועלן נאר דעם אייבערשטן, און עס קען אמאל געלונגען צו טראכטן איין מינוט פון באשעפער, אבער נאכדעם פאלן מיר גלייך צוריק אראפ, אבער ביי מיר - האט דער הייליגער רבי

גֶעזָאגְט – אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אִיךְ טְרַאכְט שְׁטֶענְדִיג נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן מַיין עִיקָר עֲבוֹדָה אִיז אַז אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען אַרָאפְּלָאזְן צוּ דִי וֶועלְט, וָואס דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער. מִיר זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט דֶערְפוּן, אוּן מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט אָפְּנַארְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן דֶעם אֱמֶת, וָואס אֱמֶת אִיז נָאר דֶער בַּאשֶׁעפֶער!

ה.

אָבֶער צוּקוּמֶען צוּ דֶעם קֶען מֶען נִישְׁט נָאר דוּרְכְ׳ן צַדִיק, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן קכג): דֶער עִיקָר יְסוֹד אִין וָואס אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ, אִיז צוּ זַיין מְקוּשָׁר צוּם אֱמֶתְ׳ן צַדִיק אוּן אִים פָאלְגְן אַלֶעס וָואס עֶר זָאגְט, אֲפִילוּ עֶר זָאגְט דִיר זַאכְן וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן אַנְדֶערְשׁ וִוי דוּ טְרַאכְסְט, זָאלְסְטוּ אַוֶועקְוַוארְפְן דַיין שֵׂכֶל אוּן נָאר אִים פָאלְגְן. אַזוֹי אוֹיךְ זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן סז), אַז בֶּאֱמֶת קֶען מֶען יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסְהֵיילְן, אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגֶענֶער וָואס לוֹיפְט אַרוּם אִין דִי גַאסְן אוּן עֶר טוּט כָּל מִינֵי נַארִישְׁקֵייטְן, נָאר דֶער פְּרָאבְּלֶעם

אִיז, אַז דֶער מְשׁוּגֶענֶער אַנֶערְקֶענְט נִישְׁט זַיין פֶּעלֶער, אוּן עֶר ווִיל זִיך נִישְׁט לָאזְן הֵיילְן, עֶר טַעְנָה׳ט אַז יֶענֶער אִיז מְשׁוּגָע, אוּן אַז יֶענֶער דַארְף נֶעמֶען פִּילְן. אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ אַנֶערְקֶענְט זַיין חִסָרוֹן, אוּן עֶר פָּאלְגְט דֶעם קְלוּגְן מֶענְטְשׁ, קֶען מֶען אִים גְלַייך אוֹיסְהֵיילְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאך דֶער צַדִיק קֶען יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁטֶעלְן אוֹיף דִי פּוּס, צוּ זַיין נָארְמַאל אוּן גֵיין אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג, נָאר מֶען ווִיל אִים נִישְׁט פָּאלְגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעט אוּנְז אַ שְׁלִיסְל ווִי אַזוֹי אָנְצוּקוּמֶען אִיבֶּערָאל, אוּן צוּ אַלֶעס וָואס מִיר דַארְפְן נָאר הָאבְן, דוּרְכְדֶעם וָואס מִיר זָאלְן זִיך צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן יֶעדֶע זַאך צוּם בַּאשֶׁעפֶער. וַוייל בֶּאֱמֶת טְרַאכְט יֶעדֶע מֶענְטְשׁ בַּיי זִיך: הַלְוַואי וָואלְט אִיך גֶעהַאט אַמָאל אַ גֶעלֶעגֶענְהֵייט זִיך צוּ טְרֶעפְן מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אִיך וָואלְט זִיך אוֹיסְגֶעגָאסְן מַיין גַאנְצֶע הַארְץ פַאר אִים, אוּן אִים פַארְצֵיילְט אַלֶעס וָואס עֶס גֵייט דוּרְך אוֹיף מִיר. אוֹיב אַזוֹי פַארְוָואס טוּט עֶר עֶס נִישְׁט? וַוייל עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וואו אִיז

דִי טִיר אַרַיינְצוּגֵיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶס אִיז מְקוּיָים גֶעוָוארְן בַּיי אִים דִי פָּסוּק וָואס עֶס שְׁטֵייט בַּיי סְדוֹם (בְּרֵאשִׁית יט, יא): הָאֲנָשִׁים אֲשֶׁר פֶּתַח הַבַּיִת הִכּוּ בַּסַּנְוֵרִים... וַיִּלְאוּ לִמְצֹא הַפָּתַח - דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטַאנֶען בַּיים טִיר זֶענֶען גֶעוָוארְן בְּלִינְד, אוּן זֵיי זֶענֶען שׁוֹין מִיד גֶעוָוארְן צוּ זוּכְן דֶעם טִיר. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן פד), אַז דֶער טִיר אִיז דִי מוֹיל פוּנֶעם מֶענְטְשׁ! אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער אִיז מֶען בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, אָבֶער דָאס אִיז דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ מְקַיֵּים צוּ זַיין, וַוייל מֶען דַארְף צוּ דֶעם הָאבְּן אַ לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב): פַארְוָואס רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ צוּם בַּאשֶׁעפֶער וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט דִי קְלָארֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז מַמָּשׁ דָא מִיט אִים, דֶערְפַאר קוּמְט עֶס אִים אָן אַזוֹי בִּיטֶער שְׁוֶוער; וַוייל מֶען זֶעהְט בְּחוּשׁ אַז צְוֵויי חֲבֵרִים קֶענֶען גְרִינְגֶערְהֵייט שְׁמוּעֶסְן אֵיינֶער מִיטְן אַנְדֶערְן צְוֵויי דְרֵיי שָׁעָה, דָאס אִיז וַוייל מֶען זֶעהְט זִיךְ, אָבֶער אַז מֶען זָאל

הָאבְּן דִי רִיכְטִיגֶע אֱמוּנָה אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא, קֶען מֶען פּוּנְקְט אַזוֹי רֶעדְן שְׁטֶענְדִיג צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

ו.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ב; טו):
אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ שְׁטֶענְדִיג מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר טוּט, צוּ דָאס אִיז אוֹיסְגֶעהַאלְטְן צוּ נִישְׁט, אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן צוּ דֶערְצֵיילְן פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וָואס דָאס וֶועט אִים סוֹף כָּל סוֹף אוֹיסְרֵיינִיגְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט רֶבִּי דָוִד צְבִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען דֶער שַׁמָש פוּנֶעם קְלוֹיז אִין אוּמַאן, אוּן וֶוען עֶס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן דִי עֶרְשְׁטֶע וֶועלְט מִלְחָמָה זֶענֶען דָארְט גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֶעקְן אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה בָּחוּרִים פוּן פּוֹילְן וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ פָאְרן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, אוּן הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט צוּרִיק אַהֵיים פָאְרן, אוּן וִויבַּאלְד זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט וואוּ צוּ

שְׁלָאפְן און צוּ עֶסְן זֶענֶען זַיי גֶעשְׁלָאפְן אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, און דָארְט גֶעגֶעסְן וָואס מֶען הָאט זַיי גֶעבְּרֶענְגְט[3].

רֶבִּי דָוִד צְבִי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַן עֶלְטֶערֶער מֶענְטְשׁ, און אַ גֶעוַואלְדִיגֶער קַפְּדָן, מִמֵילָא הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְלַיידְן דִי וִוירְטְשַׁאפְט פוּן דִי בָּחוּרִים: אִיךְ רוֹים דָא אַזוֹי שְׁוֶוער אוֹיף, און פְּלוּצְלִינְג אִיז אַלֶעס צוּרִיק אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט! און עֶר פְלֶעגְט זַיי אָנְשְׁרֵייעֶן: אַרוֹיס פוּן דַאנֶעט! אָבֶּער פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן וֶוען עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאכְדֶעם צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ׳ס צִיוּן, הָאט מֶען גֶעהֶערְט וִוי עֶר וֵויינְט שְׁטִילֶערְהֵייט: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! וָואס וִויל אִיךְ פוּן דִי בָּחוּרִים, זֵיי קֶענֶען דָאךְ נִישְׁט צוּרִיקְפָארְן אַהֵיים, זֵיי

---

[3] עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד רֶבִּי יַעֲקֹב פוּן זִיטָאמִיר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל חֶסֶד, עֶר פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין מִיט אַ זַאק בַּיי אַלֶע שְׁטוּבֶּער, און מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן עֶפֶּעס אַרַיינְוַוארְפְן, דֶער אַ שְׁטִיקְל חַלָה, דֶער אַ צְוִויבְּל אָדֶער אַ קְנָאבְל, און אַזוֹי וַוייטֶער, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר גֶעקוּמֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ, אוֹיסְגֶעגָאסְן דֶעם גַאנְצְן זַאק אוֹיפְן טִישׁ, און פוּן דֶעם הָאבְּן דִי בָּחוּרִים גֶעגֶעסְן און זִיךְ מְחַיֶה גֶעוֶוען, זֵיי הָאבְּן צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַבִּיסְל וַוארֶעם וַואסֶער צוּ טְרִינְקֶען, קַיין טֵיי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען, הָאבְּן זֵיי עֶס גֶערוּפְן דִי זִילְבֶּערְנֶע טֵיי, און זִיךְ מִיט דֶעם אָנְגֶעוַוארֶעמְט, און אַיינְגֶעטִינְקֶען דִי הַארְטֶע בְּרוֹיט אִין דִי זִילְבֶּערְנֶע טֵיי...

הָאבְּן נִישְׁט וואו צו שְׁלָאפְן און צו עֶסְן וְכוּ׳. אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעוֶוייְנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וִוי נָאר עֶר אִיז צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין קְלוֹיז און עֶר הָאט וִוידֶער גֶעזֶעהְן אַן אִיבֶּערְקֶערֶענִיש, הָאט עֶר זִיךְ וַוייטֶער גֶענוּמֶען שְׁרֵייעֶן: בָּחוּרִים, אַרוֹיס פוּן דָא! אַזוֹי הָאט זִיךְ דָאס אַלְץ אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּילְט נָאכְאַמָאל און נָאכְאַמָאל, און יֶעדֶע מָאל הָאט עֶר זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶע׳מִשְׁפָּט אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא), אַז יֶעדֶער אִיד הָאט אוֹיף זִיךְ אַ מְנוֹרָה מִיט זִיבְּן לִיכְט, וָואס עֶר דַארְף דָאס אוֹיסְרֵייְנִיגְן און אָנְצִינְדְן יֶעדְן טָאג פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי דִי מְנוֹרָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ, וָואס דָאס זֶענֶען דִי צְוֵויי אוֹיגְן, דִי צְוֵויי אוֹיעֶרְן, דִי צְוֵויי נָאז לֶעכֶער און דִי מוֹיל, און דִי מְנוֹרָה אַלֵיין אִיז דֶער מֹחַ, וָואס דוּרְכְן אוֹיסְרֵייְנִיגְן דִי זִיבְּן לֶעכְט, שַׁייְנְט און לַייכְט דֶער מֹחַ, און אִין דֶעם וֶוענְדְט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אַזוֹי וִוי חֲזַ״ל זָאגְן (עַיֵין עֵירוּבִין דַף מא ע״א): **גוּפָא בָּתַר רֵישָׁא אָזְלֵי**; און אַז

דֶער מֹחַ אִיז רֵיין אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אִיז עֶר דִי גְלִיקְלִיכְסְטֶער מֶענְטְש אוֹיף דִי וֶועלְט, אוּן גָארְנִישְׁט קֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט שָׁאטְן.

דֶערְפַאר דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְש שְׁטֶענְדִיג מִשְׁפָּטְ׳ן ווִי עֶר הַאלְט מִיט זַיינֶע שִׁבְעָה נֵרוֹת, אוּן אַז עֶר אִיז בִּיז יֶעצְט נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט זַיין מוֹיל אוּן גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרַע אוּן רְכִילוּת וְכוּ׳, זָאל עֶר אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט צוּ רֶעדְן נָאר צוּם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן זָאל עֶר אוֹיךְ נָאר רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן ה).

נָאכְדֶעם זָאל עֶר זִיךְ מִשְׁפָּטְ׳ן וָואס עֶס טוּט זִיךְ מִיט זַיין נָאז, אַז עֶר זָאל מֶער נִישְׁט זַיין אִין כַּעַס אוּן וֶוערְן נֶערְוֶועז פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אוּן יֶעדֶע מָאל אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אוֹיפְגֶערֶעגְט זָאל עֶר דָאס אוֹיסְזָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ בִּין שׁוֹין נָאכְאַמָאל גֶעוֶוען אִין כַּעַס, וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר, הָאבּ שׁוֹין רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר.

און אַזוֹי אוֹיךְ זָאל עֶר זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן ווִי עֶר הַאלְט מִיט זַיינֶע אוֹיעֶרְן, פַּארְוָואס אִיז עֶר אַזוֹי נֵייגֶערִיג אוּן עֶר מוּז אַלֶעמָאל צוּהֶערְן יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס מֶענְטְשְׁן רֶעדְן?! עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (יִתְרוֹ דַף עה ע"ב): וֶוער עֶס הָאט גְרוֹיסֶע אוֹיעֶרְן אִיז אַ שׁוֹטֶה! דָאס הֵייסְט אֵיינֶער וָואס שְׁטוּפְּט זִיךְ אַלֶעמָאל אַלֶעס צוּ הֶערְן, וַוייל וָואס עֶר דַארְף טַאקֶע ווִיכְטִיג ווִיסְן וֶועט מֶען קוּמֶען בִּיז צוּ אִים דָאס פַּארְצֵיילְן; דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִין זַיינֶע עֶלְטֶערֶע יָארְן נִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן, הָאבְּן אִים זַיינֶע קִינְדֶער גֶעפְרֶעגְט מִיט ווּאוּנְדֶער: טַאטֶע דוּ פּוֹעֶלְ'סְט דָאךְ יְשׁוּעוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, פַּארְוָואס פּוֹעֶלְ'סְטוּ נִישְׁט פַאר דִיר אוֹיךְ אַז דוּ זָאלְסְט קֶענֶען הֶערְן?! הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: צוּ וָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן? וָואס אִיךְ הָאב צוּ זָאגְן זָאג אִיךְ דָאךְ, אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט אִינְטֶערְסִירְט מִיר נִישְׁט, אוֹיב אַזוֹי צוּ וָואס דַארְף אִיךְ הֶערְן...? דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ בֶּעטְן עֶר זָאל נָאר הֶערְן וָואס מֶען מֶעג, אוּן פוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הֶערְט זָאל עֶר אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי רְמָזִים וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער וַוייזְט אִים אוּן רוּפְט אִים ווִי

אַזוֹי צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וְוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן נב), אַז פוּן יֶעדֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט שְׁרֵייט אַרוֹיס דִי קוֹל פוּן בַּאשֶׁעפֶער.

נָאכְדֶעם דַארְף מֶען זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוֹיף דִי אוֹיגְן: פַארְוָואס מוּז אִיךְ קוּקְן וואוּ מֶען דַארְף נִישְׁט? ! וָואס דָאס רֵייצְט אוֹיף דֶעם יֵצֶר הָרַע, אַזוֹי וְוי חַזַ"ל זָאגְן (סוֹטָה דַף ח ע"א): דֶער יֵצֶר הָרַע אִיז נִישְׁט שׁוֹלֵט נָאר אוֹיף וָואס מֶען זֶעהְט. עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס מוּזְן נֶעבֶּעךְ קוּקְן אוֹיף יֶעדֶע פְרוֹי, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן מְשׁוּגָע דֶערְפוּן, אַזוֹי וְוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (דְבָרִים כח, לד): וְהָיִיתָ מְשֻׁגָּע מִמַּרְאֵה עֵינֶיךָ אֲשֶׁר תִּרְאֶה. אָבֶּער אוֹיבּ וָואלְט עֶר נִישְׁט גֶעקוּקְט אַלֶע שְׁמוּץ וָואלְט עֶר זִיךְ פַארְשְׁפַּארְט דֶעם בְּרֶענֶעדִיגְן יֵצֶר הָרַע, אוּן עֶר וָואלְט גֶעוָוארְן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַסַאךְ שְׁלֶעכְטְס, פַארְקֶערְט מִיט דִי אוֹיגְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דַארְף עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ קוּקְן שְׁטֶענְדִיג וְוי דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא אִין יֶעדֶע זַאךְ (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן א).

דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק (דְבָרִים טז, יח): **שׁוֹפְטִים וְשׁוֹטְרִים תִּתֶּן לְךָ בְּכָל שְׁעָרֶיךָ**; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן זִיבְּן טוֹיעֶרְן וָואס דָאס זֶענֶען דִי פְּרִיעֶרְדֶערְמַאנְטֶע אֵיבָרִים (סֵפֶר יְצִירָה ד, ד), וָואס אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען שְׁטֶעלְן אַ שׁוֹפֵט אוּן אַ שׁוֹטֵר אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן, אַ שׁוֹפֵט הֵייסְט אַז מֶען מִשְׁפָּט זִיךְ אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, אוּן מֶען אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ אַז מֶען גֵייט דָאס מֶער נִישְׁט טוּהְן, אוּן אַ שׁוֹטֵר הֵייסְט אַז מֶען שְׁטֶעלְט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁמִירָה אַז מֶען זָאל דָאס מֶער נִישְׁט טוּהְן.

ז.

**וְלֹא תַטֶּה מִשְׁפָּט** (דְבָרִים טז, יט), דֶער מִשְׁפָּט דַארְף אָבֶּער זַיין מִיט אַן אֱמֶת, אוּן דֶערְצֵיילְן פַאר׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנְקְטְלִיךְ וָואס מֶען הָאט גֶעטוּהְן, אוּן אַזוֹי אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייך מוֹחֵל, אַזוֹי וִוי חַזַ״ל זָאגְן (תּוֹרַת כֹּהֲנִים בְּחֻקֹּתַי ח, א): דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, גְלַייךְ וֶוען מֶען אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה בִּין אִיךְ אַלֶעס מוֹחֵל. וַוייל וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט רַחֲמָנָא לִצְלָן גֵייעְן אִים דִי עֲבֵירוֹת אַרַיין אִין דִי

בֵּיינֶער, וָואס דָאס הַרְגֶ'עט אִים אָפּ, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (תְּהִלִּים לד, כב): **תְּמוֹתֵת רָשָׁע רָעָה** - דִי שְׁלֶעכְטְס הַרְגֶ'עט דֶעם רָשָׁע; אָבֶּער אֵיינְמָאל אַז אַ מֶענְטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אוּן עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶה, גֵייט אִים דָאס אַרוֹיס פוּן דִי בֵּיינֶער, אוּן עֶר וֶוערט אַ רוּאִיגֶער אוּן צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן ד).

דֶערְפַאר יֶעדֶעס מָאל אַז מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט זָאל מֶען דָאס נָאכְאַמָאל אוֹיסְזָאגְן פַארְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן נִישְׁט מִיד וֶוערְן פוּן זִיךְ מִשְׁפָּטְ'ן אוּן זָאגְן פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען גֵייט עֶס מֶער נִישְׁט טוּהְן, וִויפִיל מָאל עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין, דוּרְכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערְן פָּנִים אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט וַוייטֶער (דְבָרִים שָׁם, שָׁם): **וְלֹא תַכִּיר פָּנִים.** מֶען דַארְף אָבֶּער גוּט גֶעדֶענְקֶן אַז דָאס אַלֶעס דַארְף זַיין מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע אֱמֶת, אוּן זִיךְ נִישְׁט מְשַׁחֵד זַיין אוּן פַארְבְּלֶענְדְן דִי אוֹיגְן, וֶועגְן דֶעם עֶנְדִיגְט דֶער פָּסוּק צוּ (שָׁם): **וְלֹא תִקַּח שֹׁחַד כִּי הַשֹּׁחַד יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים וִיסַלֵּף דִּבְרֵי צַדִּיקִם.**

## ח.

אין טבֶרְיָה ליגט דער גרויסער צַדיק רֶבּי אַבְרָהָם קַאליסקער זְכותו יָגֵן עָלֵינו אַ תַּלְמִיד פונעם גרויסן מַגיד פון מעזריטש, דער הײליגער רֶבּי האט אים זײער אויסגערומט און געזאגט אויף אים: איך האב שוין געזעהן אסאך צַדיקים אָבער שְׁלֵימות האב איך געזעהן נאר בּײ אים! און װיבאלד אין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל האט שטענדיג געהערשט גרויס אָרימקײט, בִּפְרַט אין יענע צײטן װען עס זענען אַרויפגעקומען די תַּלְמִידים פונעם מעזריטשער מַגיד און די תַּלְמִידים פונעם גְרָ״א קײן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דערפאר פלעגט זײן דער סֵדֶר אַרויס צו שיקן מְשׁולָחִים [מען האט זײ גערופן שַׁדַ״ר, װאס איז רָאשֵׁי תֵּיבות שְׁלוחָא דְרַחְמָנָא] אָבער אין טבֶרְיָה איז דעמאלטס דער הונגער געװען גאר געפערליך, עס איז נישט געװען צו באקומען אפילו אַ שטיקל ברויט, האט מען זיך מְיַישֵׁב געװען אַז מען װעט אַרויסשיקן אַ שַׁדַ״ר פון טבֶרְיָה קײן טערקײ,

אִיטַאלְיֶע און הָאלַאנְד, וואו עֶס אִיז וואוֹינֶען פַארְמֶעגְלִיכֶע אִידְן.

פַארְן אַרוֹיסְפָארְן הָאט מֶען גֶעבֶּעטְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער עֶר זָאל גֶעבְן זַיין בְּרָכָה, אַז דִי שְׁלִיחוּת זָאל גֶעקְרוֹינְט וֶוערְן מִיט הַצְלָחָה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְן מְשׁוּלָח: אִיךְ גֶעב דִיר אַ סְגוּלָה, אַז וואו דוּ וֶועסְט גֵיין, און דוּ וֶועסְט זָאגְן "אֱלָהָא דְאַבְרָהָם דְיָתִיב בִּטְבֶרְיָה עֲנֵינָא" וֶועסְטוּ גְלַייךְ זֶעהְן אַ יְשׁוּעָה! און עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט מִיט גְרוֹיס הָאפֶענוּנְג אוֹיף הַצְלָחָה.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין אִיטַאלְיֶע אִיז דַאן גֶעוֶוען דָארְט אַ שְׁוֶוערֶע צַייט נָאכְדֶעם וָואס עֶס הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶערֶעגֶענְט פַאר אַ לֶענְגֶערֶע תְּקוּפָה, און וִוי בַּאקַאנְט פְלֶעגְט מֶען אַמָאלִיגֶע צַייטְן זֵייעֶר שַׁיין מְכַבֵּד זַיין אַן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל'דִיגֶער מְשׁוּלָח, דֶערְפַאר אַז עֶר אִיז פּוּנְקְט אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין אִין דִי שְׁוֶוערֶע צַייט, הָאבְּן דִי אָרְטִיגֶע תְּמִימוּת'דִיגֶע אִידְן נָאכְן אִים אוֹיפְנֶעמֶען וִוי עֶס פַּאסְט זִיךְ, אִים גֶעזָאגְט: אוֹיב דוּ פּוֹעֶל'סְט פַאר אוּנְז רֶעגְן, וֶועסְטוּ

אַװעקקפּאָרן פון דאָ מיט פולע זעק פון גאָלד און זילבּער. קודם איז ער געװאָרן פאַרלױרן, אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך דערמאַנט פון די סגולה װאָס רבּי אַבְרָהָם האָט אים געזאָגט, האָט ער גלײַך אױסגערופן ״אֱלָהָא דְאַבְרָהָם... דער באַשעפער פון אַבְרָהָם װאָס װאױנט אין טבריה זאָל ערפילן מײַן געבעט״ עס זאָל קומען רעגן. פאַרשטײט זיך אַז די סגולה האָט גוט געאַרבּעט, און עס האָט גלײַך אָנגעהױבּן צו רעגענען, און מען האָט אים טאַקע אָנגעפולט גאַנצע זעק מיט געלט, אַזױ װי מען האָט זיך פאַרדעם אױסגענומען, און ער איז צוריקגעקומען אַהײם און מחיה געװען די אױסגעהונגערטע אידן פון טבריה. פון די מעשה קען מען אַבּיסל זעהן די גרױסקײט פון הײליגן רבּי אַבְרָהָם קאַליסקער זכותו יגן עלינו.

פאַר דער הײליגער רבּי אַבְרָהָם איז געװאָרן רב אין די שטאָט קאַליסק [אין די ליטא], איז דאָרט געװען דער רב רבּי שמשון, װאָס ער איז געגאַנגען אױפן שטײגער פון די מגידים און בעלי מוסר װאָס זײ האָבּן געזאָגט שאַרפע

מוסר דרשות מיט אַ ניגון דערצו און אָפּגעשראָקן די פאַרפּלאָגטע צובראָכענע אידן מיט אַלע שרעקעדיגע עונשים, ווען רבי שמשון איז נסתלק געוואָרן האָט מען אויפגענומען דעם הייליגן רבי אַברהם פאַר רב, ער איז שוין אָבער געווען אַ תּלמיד פונעם מעזריטשן מגיד וואָס איז געווען אַ תּלמיד פון בעל שם הקדוש וואָס ער האָט געלערנט אינגאַנצן אַן אַנדערן צוגאַנג, אַז מען דאַרף מקרב זיין יעדן איד, אים אויפהייבן און אַרויסברענגען זיין חשיבות ביים אייבערשטן, און אַזוי ווייטער. ממילא גלייך ביי זיין ערשטע דרשה ווען ער האָט זיך אַרויפגעשטעלט ביים אָרון הקודש און אָנגעטוהן דעם טלית, אַזוי ווי די סדר פלעגט זיין, האָט זיך אָנגעהויבן אַ ברימעריי פון די מתפללים און המון עם, די שוסטערס, פעינטערס וכו׳, מיטן באַקאַנטן ליטווישן מוסר ניגון צו וואָס זיי זענען געווען געוואוינט, הערנדיג דאָס האָט ער זיך אָנגערופן צו זיי: ברימט מיר מער נישט אונטער דעם ניגון, און ער הייבט זיי אָן צו ערקלערן: איר האָט דאָ געהאַט ביז יעצט אַ וואוילן חשובֿ׳ן רב, אָבער איין גרויסע חילוק איז דאָ

צװישן אים און מיר, ער האָט אַײך אױסגעלערנט צו האַלטן אַ בּיקס און שיסן אָבער ער האָט אַײך פאַרגעסן אױסצולערנען װי אַזױ מען האַלט דעם בּיקס, ער האָט אַײך אױסגעלערנט אַז מען האַלט דאָס אַנטקעגן זיך און מען שיסט דעם קױל אין זיך אַרײן, אַז מען זאָל זיך שטענדיג צובּרעכן און אַראָפּקלאַפּן, אָבער איך װעל אַײך אױסלערנען אַ נײַע װעג װי אַזױ מען דאַרף צו שיסן, אַז מען האַלט די געװער אַנטקעגן דעם שׂטן און אױף אים שיסט אים נישט אױף זיך אַלײנס. דאָס הײסט אַז דער סמ״ך מ״ם װיל צובּרעכן אַ מענטש אַז ער טױג נישט, און אַז ער איז שױן גאָרנישט װערט, שיסט מען אים צוריק, און מען זאָגט אים: איך טױג יאָ! בּרוך השם איך האָב אַ באָרד, איך האָב פּיאות, אַזױ שיסט מען אים אַרײן אַפּאָר קױלן, און אַז ער קומט װײטער צום מענטש און פאַרדרײט אים די קאָפּ אַז ער טױג נישט, שיסט מען אים נאָך אַפּאָר קױלן: איך בּין יאָ גוט! בּרוך השם איך לײג תּפילין, און איך האָב אַ מזוזה בּײם טיר!

וֶועגְן דֶעם הָאט דֶער בַּעַל שֵׁם הַקָּדוֹשׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַזוֹי פַארְפִּירְט אַקֶעגְן דִי מַגִּידִים וָואס צוּבְּרֶעכְן דֶעם פְּשׁוּטְ'ן הֲמוֹן עַם אוּן דוּרְכְדֶעם וֶוערְן זֵיי דֶערְוַוייטֶערְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען שׁוֹין גֶענוּג צוּבְּרָאכְן פוּן דִי פִּילֶע צָרוֹת וָואס זֵיי מַאכְן מִיט, מֶען דַארְף זֵיי נִישְׁט מֶער צוּבְּרֶעכְן, אוֹיב עֶפֶּעס דַארְף מֶען שִׁיסְן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם! אוּן דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע אֱמֶת, אַז מֶען זָאל זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פַארְנַארְן אַז מֶען אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, נָאר שְׁטֶענְדִיג טְרֶעפְן דָאס גוּטְס בַּיי זִיךְ, אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין דֶערְמִיט.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זָאגְט (לִיקּוּטֵי הֲלָכוֹת, גִילוּחַ, הֲלָכָה ג): דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען אַ אִיד הֵייבְּט אָן נָאכְצוּלָאזְן פוּן זַיין אִידִישְׁקֵייט, הֵייבְּט עֶר זִיךְ אָן צוּ שְׁטִיצְן דִי בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת. אוּן מֶען כַאפְּט נִישְׁט דִי הַארְבְּקֵייט דֶערְפוּן, וַוייל עֶס שְׁטֵייט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (נָשֹׂא דַף קלא ע"א) אַז דִי בָּארְד אִיז אַקֶעגְן דִי י"ג מִדוֹת שֶׁל רַחְמִים, אוּן אַז מֶען שְׁנַיידְט דָאס אוּנְטֶער שְׁנַיידְט מֶען חַס וְשָׁלוֹם אָפּ דִי הַשְׁפָּעוֹת אוּן מֶען

שְׁנַיידְט דִי פַּרְנָסָה, דִי זֶעלְבֶּע זַאך אַז מֶען שְׁנַיידְט דִי פֵּיאוֹת פַארְלִירְט מֶען דִי שֵׂכֶל, אוּן אַזוֹי הֵייבְּט מֶען אָן אַוֶועקְגֵיין פוּן אִידִישְׁקֵייט, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיך מִיט דֶעם אַלֵיין מְחַיֶה, אַז מֶען גֵייט מִיט בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת, אוּן זִיך נִישְׁט אַיינְרֶעדְן אַז מֶען טוֹיג שׁוֹין נִישְׁט.

מִיר שְׁטֵייעֶן יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וָואס דֶעמָאלְטְס זֶענֶען אָפֶען דִי שַׁעֲרֵי רַחְמִים (אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ), אוּן דֶערְפַאר זָאגְט מֶען אִין דִי טֶעג סְלִיחוֹת וואו מֶען דֶערְמַאנְט כְּסֵדֶר דִי י"ג מִידוֹת שֶׁל רַחְמִים. אִין דֶעם חוֹדֶשׁ דַארְף מֶען זִיך צוּגְרֵייטְן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוען מֶען אִיז דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף יֶעדְן אֵיינְצִיגְן פְּרַט. אַ בָּחוּר אַז עֶר זָאל טְרֶעפְן זַיין שִׁידוּך, אַ יוּנְגֶערְמַאן אַז עֶר זָאל הָאבְּן קִינְדֶער, פַּרְנָסָה, שָׁלוֹם בַּיִת, אוּן בִּכְלַל צוּ מֶען זָאל דוּרְכְלֶעבְּן דָאס יָאר, וַוייל אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט דוּרְכְאוֹיס דֶעם יָאר אִיז שׁוֹין גֶענוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נִישְׁט אוּמְזִיסְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַזוֹיפִיל גֶעבֶּעטְן אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אִים קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה,

װײל ער איז אַ גוטער לױער און ער װעט מַמְלִיץ טוֹב זַיין פאַר יעדן אײנעם װאָס קומט צו אים, אַזױ װי ער האָט צוגעזאָגט (עַיֵּין חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָנִים תג - תו), אַװדאי קומט דאָס אָן זײער שװער, אָבער אַז מען װיל פאָלגן דעם הײליגן רבּי'ן, דאַרף מען גײן צו אים אויף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, און נישט קוקן אויף קײן שום מְנִיעָה סײ בְּגַשְׁמִיּוּת און אויך נישט בְּרוּחָנִיּוּת.

צום בײשפּיל, עס איז דאָ מענטשן װאָס זײ האָבן חֲלִישׁוּת הַדַּעַת זעהנדיג אַזאַ אָנלױף פון אַלע סאָרטן מענטשן, און דאָס מאַכט זײ שפּירן אומבּאַקװעם, זײ טראַכטן צו זיך: װאָס האָב איך דאָ פאַרלױרן צװישן די אַלע פאַרשידענאַרטיגע מענטשן?! דאַרף מען אָבער װיסן אַז דער הײליגער רבּי איז אַ גרױסער דאָקטער װאָס קען יעדן אױסהײלן (עָלִים לַתְּרוּפָה), און פונקט אַזױ װי װען אײנער דאַרף גײן אין שפּיטאָל זיך צו אונטערזוכן, װעט ער זיך נישט צוטוהן מאַכן אַז ער זעהט דאָרט פּאַציענטן װאָס לײדן אויף אַלע סאָרט קרענק, און גײען אַרום

בַּאנְדַאזְשִׁירְט וְכוּ׳, פַארְקֶערְט עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אַז דָא זֶענֶען דָא אַזַאלֶעכֶע גְרוֹיסֶע פְּרָאפֶעסָארְן און סְפֶּעצִיַאלִיסְטְן וָואס קֶענֶען יֶעדֶעם הֵיילְן. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אִיז אַ שְׁפִּיטָאל וואו יֶעדֶער קוּמְט זִיךְ אוֹיסְהֵיילְן זַיין פְּרָאבְּלֶעם, און מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מְבַלְבֵּל זַיין פוּן קֵיינֶעם.

דֶערְפַאר דַארְף מֶען יֶעצְט - אִין דִי דְרַייסִיג טֶעג וָואס אִיז נָאךְ דָא בִּיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה - זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה און תְּפִלָּה, אוּנְזֶערֶע לַייט פְּלֶעגְן זָאגְן: פַארְוָואס בְּלָאזְט דִי שׁוֹפָר אַזוֹי גוּט רֹאשׁ הַשָּׁנָה? וַוייל עֶס לִיגְט אַ גַאנְץ יָאר אִינֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ! דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ רַשִׁ״י מִיטְן תַּרְגוּם, מִשְׁנַיוֹת, גְמָרָא, שֻׁלְחָן עָרוּךְ, לוֹיטְן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִימוּד וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט (עַיֵין שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן עו), דֶעמָאלְטְס וֶוען מֶען קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן הָאט דָאס גָאר אַן אַנְדֶערְן בַּאדֵייט.

און בכלל דארף מען וויסן אז א איד קען זיך נישט האלטן נאר מיט לערנען תורה, אבער ווי נאר מען לאזט אפ די תורה, אפילו מען רעדט זיך איין אז מען פליט אין הימל, איז אלעס הוילע דמיונות... אזוי ווי דער הייליגער רבי האט אונז אנגעווארנט (שיחות הר"ן סימן נא): די וועלט נארט אייך לאזט אייך נישט נארן! מען קען דאך נישט שרייען פאר די גאנצע וועלט, אבער הלוואי זאלן מיר זיך כאטש נישט לאזן נארן. דער הייליגער רבי האט געזאגט (שיחות הר"ן סימן ו): דער יצר הרע איז צוגעגליכן צו איינער וואס לויפט ארום מיט א פארמאכטע האנט, און אלע לויפן אים נאך און זענען זיכער אז ער האט דארט עפעס וואס זיי ווילן אזוי שטארק האבן, ביים סוף עפענט ער אויף די האנט, און מען איבערצייגט זיך אז דארט גארנישט דא. דאס גייט ארויף אויף מענטשן וואס לויפן נאך איינעם און זענען זיכער אז ער פארמאגט עפעס א מורא'דיגן סוד צו פארקויפן, און מען שווערט זיך אז ער איז גאר א דערהויבענער יונגערמאן, ער רעדט דאך הויכע זאכן, און דורך אים וועל איך זיכער ערגעץ אנקומען, אבער נאכדעם

וָואס עֶס גֵייט דוּרְךְ אַפָּאר יָאר אוּן מֶען מַאכְט זִיךְ אוֹיף דִי הֶענְט זֶעהְט מֶען אַז עֶס לֵיידֶער גָארְנִישְׁט דָא דֶערִין, נִישְׁט קַיין חוּמָשׁ, נִישְׁט קַיין מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין גְּמָרָא, נִישְׁט קַיין גֶעהֶערִיגֶע דַאוֶונֶען דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, אוּן נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת, קוּמְט אוֹיס אַז אִין וֶועם אִיךְ הָאבּ אַזוֹי גֶעגְלֵייבְּט הָאט מִיר פָּשׁוּט פַארְפִירְט, וַוייל נָאר דָאס לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חוּמָשׁ, מִשְׁנַיוֹת, גְּמָרָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ בְּלַייבְּט פַארְן מֶענְטְשׁ, אוּן נָאר דָאס דַאוֶונֶען אוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער בְּלַייבְּט אִים, אָבֶער אַלֶעס אוֹיסֶער דֶעם אִיז פּוּסְטֶע נַארִישְׁקֵייטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין אַלֶע אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, עֶס אִיז שׁוֹין דִי הֶעכְסְטֶע צַייט פַאר דֶעם, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר, אַלֶע בָּחוּרִים זָאלְן אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם טְרֶעפְן זֵייעֶרֶע זִיווּגִים, בִּפְרַט וֶוען אִיר קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן זָאלְט אִיר זִיךְ דָארְט עַקְשְׁנֶ׳עןְ: רֶבִּי, אִיר זֶענְט דֶער שַׁדְכָן (עַיֵּין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן

חֵלֶק ב, סִימָן פט) אִיךְ דַארְף אַ שִׁידוּךְ! אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן (בַּעַל בֵּיאוּר הַלִיקוּטִים עַל לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן) הָאט גֶעזָאגְט: אַז מֶען עַקְשֶׁנְ'ט זִיךְ אַיין בַּיים רֶבִּינְ'ס צִיוּן קֶען מֶען פּוֹעֵלְ'ן; אוּן דֶער רֶבִּי וֶועט זַיין אַ מֵלִיץ יוֹשֶׁר פַּאר אוּנְז, מֶען זָאל שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהְן בְּבִנְיַן בֵּית הַמִקְדָשׁ מִיט דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

~תַּם וְנִשְׁלָם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~



בס״ד
בשורה טובה
ומשמחת!
שוין יעצט
דא צו באקומען
אפגעשיקט יעדע וואך
צו אייער
טיר
אויף די פאסט
די שטארק אויפגעכאפטע
וועכנטליכע קונטרסים
עצתו
אמונה
הערליכע בריוו, שאלות
ותשובות אין אלע אקטועלע
נושאים אין טאג טעגליכן לעבן,
געשריבן דורכ'ן ראש ישיבה
הרה״ג ר׳
יואל רוטה
שליט״א
היכל הקודש
רופט אדער טעקסט
קרן הדפסה היכל הקודש
718•387•2691
אדער שיקט א אימעיל צו: subscribe@kerenhadfusa.org
חיזוק אום טיר
goodpointmediainc@gmail.com